בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**230**

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז שְׁלֶעכְט צוּ מִיר
אוּן זִי טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ?..................................................א

וֶועלְכֶע זְמִירוֹת זָאל אִיךְ זִינְגֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ? ........................ג

אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי בְּרִיוו ........................ד

אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר זָאל אִיךְ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת? ........................ה

וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵק מַיין וַוייבּ אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ גֶעהָאלְפְן
וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?..................................................ז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַן הֲלָכָה מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם..........................א

עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ לֵיינֶען פְֿרֵיילִיכֶע אוּן פַּאזִיטִיוֶוע בְּרִיוו ............א

חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה נָאר פַאר דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ
אַיין פוּן וַוארְפְן אִידִישׁ גֶעלְט..................................................ב

נִישְׁט שֶׁעפְּן קַיין סִיפּוּק פוּן זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן ..........................ג

זֶע צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען,
וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק ..........................ד

קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ נֵס? ..........................ד

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי פְּרַייז ..........................ו

אָפְזָאגְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל דֶער טַאטֶע אִיז אַ שְׁלֶעפֶּער?! ..................ז

זַיי מַמְשִׁיךְ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן,
וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.................................. יא

עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן
צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז......................................................יב

דִי פְּרוּוְוען נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן .......................... יג

מֶען קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע דִירָה ..........................יד

דַארְפְּסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן
אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.................................................יד

דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר צֵייטוּנְג אִיז זֵייעֶר שֵׁיין ................................... טו

גֶעבּ נִישְׁט דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט,
מֶען וֶועט שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מִקְוֶה ......................................... טו

דַאוֶועֶנֶען מִיט חַיוּת אוּן שִׂמְחָה, נִישְׁט קַאלְט אוּן טְרוּקְן .............. טז

דַיין צִיל זָאל זַיין אַז אַלֶע קִינְדֶער
זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה .................................... יט

מִיטְהַאלְטְן שִׂמְחוֹת אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.....................................כ

דִי נִסָיוֹן פוּן דִי תַּלְמִידִים אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער וִוי דֶעם צַדִיקְ'ס נִסָיוֹן ....כ

נָאךְ דַיין בִּיטֶערֶע דוּרְכְגַאנְג, דַארְפְּסְטוּ
זִיךְ שְׁטַארְקְן אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער .........................................כב

וֶוער עֶס אִיז טוֹעֶם פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל, וֶוערְט נִישְׁט פַארְנַארְט.....כד

אַז אִיר וֶועט בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם,
וֶועט אִיר הָאבְּן נָאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.........................................כה

דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין ......כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז שְׁלֶעכְט צוּ מִיר אוּן זִי טְשֶׁעפֶּעט מִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִילְן אִינֶעם בְּרִיוו אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה אוּן הַדְרָכָה.

עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אוּנְז גֶעוִויסֶע צַייטְן, אוּן יֶעצְט אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין וַוייבּ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף שֵׁיין צוּ מִיר, זִי אִיז מְזַלְזֵל אִין מִיר, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּפִיל מְווּתֵּר, אִיךְ הַאלְט זִיךְ צוּפִיל אַיין אוּן אִיךְ שְׁוַוייג, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ זָאג אִיר שׁוֹין יָא אַז עֶס טוּט מִיר וֵויי וָואס זִי זָאגְט אָדֶער וִוי אַזוֹי זִי פִּירְט זִיךְ אוֹיף, גֵייט עֶס אִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָן. אוּן דָאס קֶען פַּאסִירְן אוֹיךְ וֶוען מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם קֶען זִי מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק טְשֶׁעפֶּען אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

זִי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ אַרְבֶּעט אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג. אִיךְ הָאבּ אַ כָּשֵׁר'עֶ גֶעפִילְטֶערְטֶע סְמַארְטְפָאוֹן אוּן זִי הָאט נָאר וַואטְסְעֶפּ. יֶעצְט הָאט זִי מִיר גֶעבֶּעטְן אַז זִי וִויל אוֹיךְ הָאבְּן כָּשֵׁר'עֶ אִינְטֶערְנֶעט, דֶער עִיקָר צוּ קֶענֶען אָוֶועקְלֵייגְן דִי בִּילְדֶער פוּן דִי קִינְדֶער, זִי זָאגְט אַז זִי וֶועט עֶס נִישְׁט נוּצְן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל טְרַאכְטְן וֶועגְן דֶעם, אוּן נָאךְ צְוֵויי טֶעג הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט, אוּן דָאס הָאט אִיר גֶעמַאכְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, אוּן זִי הָאט זִיךְ וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט.

אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן

יֶעדֶע נַאכְט מִיט הַארְץ וֵוייטָאג, יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט חַזֶר'ט זִיךְ ווִידֶער אִיבֶּער אִיר שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, וָואס זִי הֵייבְּט זִיךְ אָן פִירְן שְׁלֶעכְט צוּ מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָב.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט שַׁאפְן אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דִי וַוייבּ, דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַ וַוייבּ; אַז דַיין וַוייבּ ווִיל זִיךְ קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן אוּן דוּ לָאזְט אִיר נִישְׁט - וֶועט זִי דָאס אַלֵיינְס קוֹיפְן, אַ וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס מֶען קֶען אִיר אַנְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן.

אוֹיבּ מֶען ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן קֶען מֶען נוּצְן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דֶעם כֹּחַ הַדִבּוּר - מֶען קֶען שֵׁיין רֶעדְן, אוּן אַז מֶען פּוֹעֵל'ט נִישְׁט אוֹיפְ'ן מִינוּט - פּוֹעֵל'ט מֶען שְׁפֶּעטֶער. דָאס אִיז זִיכֶער, אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען רֶעדְט וֵוייךְ, מֶען וַוייזְט אִיר אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ דוּרְךְ קוּמֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר נָאר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען זִי שֶׁענְדְט דִיר, זִי רֶעדְט צוּ דִיר מִיט זִלְזוּל, דָאס אַז זִי רֶעדְט מִיט זִלְזוּל אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס שְׁטֶערְט אִיר; רֶעד מִיט אִיר, פְרֶעג אִיר וָואס שְׁטֶערְט אִיר, בֶּעט אִיר אִיבֶּער אֲפִילוּ זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וֶועט זִי מִיט דִי צַייט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר.

וְעַל כּוּלָם בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם - דָארְט רוּט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט - "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווֶעלְכֶע זְמִירוֹת זָאל אִיךְ זִינְגֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווֶעלְכֶע זְמִירוֹת אִיךְ זָאל זִינְגֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה; זָאל אִיךְ זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת אַזוֹי ווִי מַיין טַאטֶע זִינְגְט, אָדֶער קֶען אִיךְ זִינְגֶען אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין און נָאךְ אֵיין שְׁטִיקְל פוּן דִי זְמִירוֹת, און נָאכְדֶעם זִינְגֶען אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע לִידֶער פוּן שַׁבָּת, נִישְׁט פוּן דִי זְמִירוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת ה׳תשפ״ב**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּמַאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֵּיידֶע, סַיי זִינְג אַלֶע זְמִירוֹת און סַיי אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע זְמִירוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועְן צוּ זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יב): ״עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת״, דָאס עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז ווֶען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת; און רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא׳דִיגֶע ווֶערְטֶער (שָׁם, סִימָן קד): ״הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת״, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ עֲבוֹדוֹת, ״שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים״, פוּן פָּשׁוּטְ׳עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. ״וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים״, און דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת און בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי ווִי דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ. ״וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת״, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן און אָנְוָוארֶענֶען אַז מִיר זָאלְן

זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, ״וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת״, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן אַנְדֶערֶע פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדוֹת. ״כִּי עִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת״, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת - וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד, ״וְגַם הוּא בְּעַצְמוֹ קֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הַחוֹלַאַת הַכָּבֵד שֶׁנִּסְתַּלֵּק עַל יָדוֹ, קֹדֶם לָזֶה, כָּל יָמָיו הָיָה מְזַמֵּר זְמִירוֹת הַרְבֵּה בְּכָל שַׁבָּת וְשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת״, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִינְגֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְן זֵייעֶר אַסַאךְ זְמִירוֹת יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

**אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי בְּרִיוו**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פוּן פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ מוּז שְׁרַייבְּן מַיינֶע גֶעפִילְן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דִי בְּרִיוו זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי לִיכְטִיג, יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז נָאךְ אַ בְּלִיץ, אַ גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל, קְלוּגֶע הַדְרָכוֹת אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

עֶס גֵייט מִיר דוּרְךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן בִּלְבּוּלִים, בִּיז אִיךְ בַּאקוּם דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס, אוּן עֶס שְׁטֶעלְט מִיר דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אִיךְ קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים פַאר אַ פוּלֶע סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דָאס וֶועל אִיךְ נֶעמֶען פַאר מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן. אוּן אַז מֶען וֶועט דָאס מֵפִיץ זַיין, וֶועט דָאס מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת; וואוּיל אִיז אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז, עֶר וַוייזְט אוּנְז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי גֵייט פַאר אוּנְז אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דִי נַאכְט פַאר דֶעם רֶבִּינְ׳ס הִסְתַּלְקוּת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה): ״מַה לָּכֶם לִדְאֹג, מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם״, וָואס זָארְגְט אִיר? אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ, ״וּמָה אִם הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלֹּא הִכִּירוּ אוֹתִי כְּלָל, הֵם מְצַפִּים עַל תִּקּוּנִים שֶׁלִּי, מִכָּל שֶׁכֵּן אַתֶּם״, אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוארְטְן אִיךְ זָאל זֵיי מְתַקֵּן זַיין, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶנְק תַּלְמִידִים וֶועל אִיךְ זִיכֶער פַארְרֶעכְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָצָה; תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַארְפְן עוֹסֵק זַיין נָאר אִין הֲפָצָה, אַ גַאנְצְן טָאג טְרַאכְטְן נָאר פוּן הֲפָצָה; עֶס דַארְף בְּרֶענֶען אִין הַארְץ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר זָאל אִיךְ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם עֶרְשְׁט מְבַטֵּל צוּ זַיין אֵיין מִדָּה אוּן תַּאֲוָה רָעָה, אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ מִדָּה רָעָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה מְבַטֵּל צוּ זַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן נִכְלָל וֶוערְן בּוֹ יִתְבָּרֵךְ.

לְמַעֲשֶׂה מַאךְ אִיךְ נִישְׁט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם וֶועג, ווייל אִיךְ הָאב בִּלְבּוּלִים אוֹיף וֶועלְכֶע סֵדֶר צוּ גֵיין, זָאל אִיךְ גֵיין אוֹיף אַ גֶעוִוויסֶע אוֹיסְשְׁטֶעל, צוּם בֵּייְשְׁפִּיל לוֹיט דִי א-ב, אָדֶער דִי סֵדֶר הַתּוֹרוֹת, אָדֶער לוֹיט וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר דָאס מֶערְסְטֶע דֶעמָאלְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מוֹהֲרַ"ן זָאגְט מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס תָּלוּי; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַאלְט מִמֵילָא אַוֶועק אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שִׂמְחָה עֶפֶענְט אוֹיף דִי מוֹחִין.**

**מוֹהֲרַ"ש זָאגְט** (מְקוֹר הַשִּׂמְחָה הוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, סִימָן כו)**: "עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה נִתְרַחֵב הַמּוֹחִין", דוּרְךְ שִׂמְחָה בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע מֹחַ, "וְהוּא בֶּן חוֹרִין מַמָּשׁ", מֶען וֶוערְט אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, "וְרוֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁמְּשֻׁעְבָּדִין אֶל עִסְקֵיהֶם וְתַאֲווֹתֵיהֶם, הַכֹּל מִפְּאַת הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחוֹרָה שֶׁיֵּשׁ לָהֶם", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - אַלְץ וַוייל זֵיי זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְט, "וְעַל כֵּן הָעִקָּר לַעֲשׂוֹת כָּל מִינֵי פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לְשַׂמֵּחַ אֶת נַפְשׁוֹ", דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, "וְיִרְקֹד וְיָגִיל וְיִשְׂמַח בְּשִׁירִים וְנִגּוּנִים לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶׁיָּכוֹל", מֶען דַארְף טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זִינְגֶען לִידֶער, זִיךְ לֶעבֶּעדִיג מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "וְאַל יַחְשֹׁב שֶׁבָּזֶה שֶׁמִּתְמַרְמֵר וּמְשַׁבֵּר אֶת עַצְמוֹ עַל עֲווֹנוֹתָיו עוֹשֶׂה טוֹבָה לְנִשְׁמָתוֹ", מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט, מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת - מִיט דֶעם טוּט מֶען אַ טוֹבָה פַאר זִיךְ פַאר דִי נְשָׁמָה, "אַדְּרַבָּה, נוֹתֵן בָּזֶה כֹּחַ וְחִיּוּת לְהַסִּטְרָא אַחֲרָא", פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מִיט דֶעם גֶעבְּט מֶען כֹּחַ פַאר דִי סִטְרָא אַחֲרָא, "שֶׁעִקַּר עִנְיָנָם הוּא מְרִירוּת וְעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה", וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז בִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסְטְקֵייט, "וְעִקַּר בִּטּוּלָם הוּא רַק עַל יְדֵי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, כָּל מַה שֶׁיִּשְׂמַח בְּיוֹתֵר, כְּמוֹ כֵּן יִתְבַּטְּלוּ מִמֶּנּוּ בְּיוֹתֵר כָּל מִינֵי סִטְרָא אַחֲרָא וְחֹשֶׁךְ", מֶען קֶען זֵיי נָאר מְבַטֵּל זַיין דוּרְךְ שִׂמְחָה; ווִי מֶער פְרֵיילִיךְ מֶען אִיז - אַלְץ מֶער וֶוערְן זֵיי אוֹיס, זֵיי וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל, "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הוּא מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, וְעַל כֵּן כְּשֶׁהוּא בְּשִׂמְחָה**

**אָז הוּא אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ מַמָּשׁ". ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, וִוי מֶער פְרֵיילִיךְ מֶען אִיז - אִיז מֶען נֶעעְנְטֶער צוּ אִים.**

**דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וֶועלְן אַוֶועק פַּאלְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵּק מַיין ווַייבּ אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, מַיין ווַייבּ אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אַלְס קִינְד, דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעוֶוען צֶעפַּאלְן, זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה אוּן זִי גֵייט שׁוֹין הָאבְן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְן אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶס נִישְׁט מַמָּשׁ גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי, זִי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ נָארְמַאלֶע אַרְבֶּעט, אָבֶער דֶער עִיקָר צַעַר אִיז אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין כִּמְעַט צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן מִיר הָאבְן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער. אִירֶע חַבֶר'טֶעס וָואס הָאבְן חֲתוּנָה גֶעהַאט פְרִיעֶר פוּן אִיר הָאבְן שׁוֹין יָא קִינְדֶער.

אִיךְ פְּרוּבִיר אִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין, אָבֶער זִי זָאגְט מִיר אַז זִי הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען גֶענוּג חִיזּוּק אַלְס מֵיידְל אוּן עֶס הָאט אִיר נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן. אִיךְ קוֹיף אִיר מַתָּנוֹת, אָבֶער אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער וֶועקְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אִיר ווֵייטָאג אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַזוֹיפִיל מַתָּנוֹת. עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט מִשְׁפָּחָה אוּן חַבֶר'טֶעס בַּיי שִׂמְחוֹת, ווַייל זִי שֶׁעמְט זִיךְ אַז זִי הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן אוּן זִיךְ פִּירְן אֵיידְל; זַייט אַייךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה אִין צְנִיעוּת - וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): ״אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״, דַיין וַוייבּ וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אַ וַויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן בִּזְכוּת וָואס זִי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, ״בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית שֶׁהִיא צְנוּעָה, זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים״, וֶוען דִי פְרוֹי פִירְט זִיךְ אֵיידְל אִיז זִי זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: ״בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים״, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**לֶערְן יֶעדְן טָאג אַן הֲלָכָה מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם סֶעט שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים - מְחַבֵּר רְמָ״א; זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען מִיט תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם אַן הֲלָכָה, אַזוֹי וִוי דֶעם רֶבִּינְ׳ס ווילְן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶועזְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי פַארְלַאנְגְט צוּ טוּן יֶעדְן טָאג.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ לֵיינֶען פְרֵיילִיכֶע אוּן פַּאזִיטִיוֶוע בְּרִיוו**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ לֵיינֶען עֶנְקֶערֶע בְּרִיוו; אִיךְ בַּאקוּם צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוו יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער, יֶעדֶער מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָבֶּער אַזֶעלְכֶע בְּרִיוו וָואס אִיר שְׁרַייבְּט - דָאס אִיז אַ זֶעלְטְנְהֵייט. אַייעֶרֶע בְּרִיוו אִיז זִיס צוּ לֵיינֶען; אַזוֹי פַּאזֶעטִיוו, אַזוֹי שֵׁיין, פוּל מִיט

דַאנְקְבַּארְקֵייט; אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ לֵיינֶען עֶנְקֶערֶע בְּרִיוו, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג לִיב הָאבְּן, אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְקוּמֶען, לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט, זִי וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין אַן הַצָּלָה מַאן, זִי וִויל הָאבְּן אַ שַׁבָּת טִישׁ, זִי וִויל נִישְׁט אַ שַׁבָּת טִישׁ מִיט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן רַאדִיאוֹ; זִי זָאגְט גוּט, זִי אִיז גֶערֶעכְט; אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט עֶנְק פָּנִים בְּפָנִים.

...

### חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה נָאר פַאר דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ אַיין פוּן וַוארְפְן אִידִישׁ גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

צוּם עֶרְשְׁט קוּמְט דִיר אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן מִיט דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז מָלֵא חֵן, אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט, אַזוֹי אִידִישׁ. נָאכְן מִיטְהַאלְטְן אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה - קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט זֶען חֲתוּנוֹת אִין זַאלְן וואוּ מֶען גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט.

אָבֶּער אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה וִויל אִיךְ מֶער נִישְׁט קַיין חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה נָאר פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הַאלְטְן זִיךְ פָּשׁוּט, זֵיי מַאכְן נִישְׁט קַיין בַּאוַוארְפְן אוּן נִישְׁט קַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת, פַאר אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת קֶען זַיין דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער אַז מְחוּתָּנִים מַאכְן דִי בַּאוַוארְפְן אִין אַ זַאל אוּן דִי שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין אַ זַאל - קֶען מֶען נִישְׁט נוּצְן דִי יְשִׁיבָה פַאר דִי חֲתוּנָה.

מִיר שְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אָן צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אֵיינֶער מַאכְט פִישׁ, אַ צְוֵוייטֶער פְלֵיישׁ, אַ דְרִיטֶער אַ קוּגְל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער אַז דִי מְחוּתָּנִים

הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ הַמַּעְצוֹר, זֵיי נֶעמֶען א זַאל פַּאר דִי בַּאוַואוּרְפְן מִיט אַ קֶעיטֶערִינְג וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְן זֵיי פַּאר דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ נֶעמֶען אַ זַאל.

נָאךְ אַ זַאךְ, נֶעכְטְן בַּיי דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט פְלֵייש מִיט פֵּירוֹת; פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אָפְּרֶעדְן מִיט דִי מְחוּתָּנִים פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס מִיר שְׁטֶעלְן צוּ אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין אֵייגֶענֶע עֶסְן, אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן זָאלְן זֵיי גֵיין לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם צוּ אַן אַנְדֶערֶע זַאל. פַּאר מִיר אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, עֶס אִיז מִיר גֶענוּג שְׁוֶוער דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ טוּ דָאס נָאר צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אִיךְ זֶע אַז אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נִישְׁט שְׁטֵיין שְׁטַארְק אוֹיף אוּנְזֶער וֶועג - וֶועט דָאס וֶוערְן צוּבִּיסְלִיךְ אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע זַאלְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, לֶערְן דָאס מִיטְ׳ן קוֹל; וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב.

...

## נִישְׁט שֶׁעפְּן קַיין סִיפּוּק פוּן זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ ..., קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר; דָאס אַז עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן - דָאס אִיז זַיין אֵייגֶענֶע דוּרְכְגַאנְג, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר; עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט מִיט וָואס דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳, סַךְ הַכֹּל הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען חִיזּוּק וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶס אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין שׁוּם מִכְשׁוֹל דוּרְךְ דֶעם.

הֶער שׁוֹין אוֹיף זִיךְ צוּ קְלַאפְּן, גֶענוּג גֶעוֶוען; לָאז שׁוֹין אָפּ דִי אַלְטֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע עֲבוֹדוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס אִיז סִטְרָא אַחֲרָא; אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וִוי דִיר וָואס שֶׁעפְּן זֵייעֶר חַיּוּת פוּן זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן, פוּן זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ; דָאס אִיז נִישְׁט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז זַיין

פְרֵיילִיךְ, זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן, און אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת – טוט מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה.

קוּק דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה שִׂיחוֹת וְהוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, אוֹת י): "כָּל זְמַן שֶׁהָאָדָם מַרְגִּישׁ אֵיזֶה מְרִירוּת וְעִצָּבוֹן בְּעַצְמוֹ", ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַ בִּיטֶערְקֵייט און אַ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, "יֵדַע שֶׁעֲדַיִן רָחוֹק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרֵךְ", זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הוּא עֶצֶם הַשִּׂמְחָה", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ, עַיֵּין שָׁם.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, בְּעִיקָּר דִי שִׂיחוֹת וְהוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זֶע צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן אַ מַתָּנָה פַאר מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען – וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

וָואס דוּ דַארְפְסְט – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ נֵס?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְרֶעגְט אִיר 'דֶעמָאלְט וָואס מֵיינְט תְּפִלַּת שָׁוְא? דִי

הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת נד.) אַז אוֹיבּ מֶען דַאוֶּוענְט וֶוען מֶען וַוארְט שׁוֹין אַ קִינְד עֶס זָאל וֶוערְן אַ אִינְגְל אִיז דָאס אַ תְּפִלַּת שָׁוְא!׳

אִיר וֶועט דָאס פַארְשְׁטֵיין מִיט אַן הַקְדָּמָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן (שָׁם ס.) מִיר זֶעעֶן דָאךְ בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת, לֵאָה, אַז זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זִי וַוארְט אַ אִינְגְל, עֶס זָאל וֶוערְן אַ מֵיידְל כְּדֵי אִיר שְׁוֶועסְטֶער רָחֵל זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוּן הָאבְּן נָאר אֵיין קִינְד, אוּן מִיט תְּפִלָּה הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ מֵיידְל, דִינָה; זֶעעֶן מִיר קְלָאר אַז מֶען קֶען יָא בֶּעטְן אַ תְּפִלַּת שָׁוְא! עֶנְטְפֶערְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא: "אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִסִּים", פְרֶעג נִישְׁט פוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ נֵס!

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, וִוי אַזוֹי הָאט לֵאָה גֶעבֶּעטְן פַאר דִי נֵס? אוֹיךְ אִיז דָא אִין דֶעם אַ מַחֲלֹקֶת (תַּנְחוּמָא וַיֵּצֵא, ח), רַב הוּנָא זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם רֶבִּי יוֹסִי: "אֵינוֹ כֵן", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא זָאגְט: "הָיְתָה אִשְׁתּוֹ מְעֻבֶּרֶת וְאָמַר יְהִי רָצוֹן שֶׁתֵּלֵד אִשְׁתִּי זָכָר, הֲרֵי זוֹ תְּפִלַּת שָׁוְא, אֶלָּא אֲפִלּוּ עַד שָׁעָה שֶׁתֵּשֵׁב עַל הַמַּשְׁבֵּר", נָאר בִּיז מֶען גֶעבּוֹירְט דָאס קִינְד, "יִתְפַּלֵּל שֶׁתֵּלֵד זָכָר", זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַ אִינְגְל, "לְפִי שֶׁאֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לַעֲשׂוֹת אֶת הַנְּקֵבוֹת זְכָרִים", צוּ מַאכְן פַארְקֶערְט, "וְאֶת הַזְּכָרִים נְקֵבוֹת".

נָאר וָואס דֶען? מֶען קֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת; מֶען רֶעדְט דָא פוּן צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר אִיז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הַאלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ טֶבַע; אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס, בַּיי אִים אִיז דָא 'תְּפִלַּת שָׁוְא', בַּיי אִים אִיז דָא 'אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִסִּים'.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶר אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר בְּרֶענְגְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַרְגָּה אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז מֶער

נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, קַיין מִקְרֶה אוּן קַיין מַזָל; עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע נֵס דָאס אָטֶעמֶען, זֶען, הֶערְן, רֶעדְן, טַאפְּן, גֵיין - וִוי הָאבְּן אַ קִינְד אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּן אַ נְקֵבָה צוּ אַ זָכָר; בַּיי אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן אִיז - "אֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס נִישְׁט אַ תְּפִלַּת שָׁוְא, צוּ זֵיי רֶעדְט רֶבִּי יוֹסִי אוּן זָאגְט: "אֲפִלּוּ עַד שָׁעָה שֶׁתֵּשֵׁב עַל הַמַּשְׁבֵּר יִתְפַּלֵּל שֶׁתֵּלֵד זָכָר"; ווידֶער דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיטָה, דִי חֲכָמִים - זֵיי רֶעדְן צוּם הֲמוֹן עַם, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אַ טֶבַע'דִיגֶע וֶועלְט, אַ מַזָל'דִיגֶע מֶענְטְשׁ, אַ גוּטֶער פַּאסִירוּנְג, אַ שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְג; פַאר זֵיי זָאגְט מֶען 'תְּפִלַּת שָׁוְא' אוּן 'אֵין מַזְכִּירִין מַעֲשֵׂה נִיסִים'.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - הַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיּוּת חַיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, בִּיז אִיר וֶועט שְׁפִּירְן בַּיים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, "אֵין קָשֶׁה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", גָארְנִישְׁט אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען.

...

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי פְּרַייז**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'

אַזוֹי וִוי אִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶס אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן אַרוֹיף דִי פְּרַייזְן פַאר גוֹי'טֶעס, דִי גוֹי'טֶעס לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס טְרָאגְן זִיךְ אָן צוּ צָאלְן מֶער, נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאכְקוּמֶען דִי פְּרַייזְן; וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אוּן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן אָפְּמַאכְן אַז קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט מִיט אֵיין פְּרוּטָה מֶער ווִיפִיל מֶען מַאכְט אָפּ, אוּן אַז מֶען וֶועט זַיין שְׁטַארְק, מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם - וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייז.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי פְּרַייז.

אִיךְ הָאף אִיר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי אֲסִיפַת הוֹרִים, פוּן דִי שִׁיעוּר;

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בְּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ.

...

**אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל דֶער טַאטֶע אִיז אַ שְׁלֶעפֶּער?!**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער צוּ הֶערְן פוּן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער; הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי מֵיידְל, אַדְרַבָּה, הָאסְט גֶעהֶערְט אַז זִי אִיז אַן אֵיידֶעלֶע, אַ וואוֹילֶע אוּן דוּ זָאגְסְט אָפּ דִי שִׁידוּךְ וַוייל דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁלֶעפֶּערְס? וַוייל דֶער טַאטֶע גֵייט נָאךְ גֶעלְט?!

פְּלְאֵי פְּלָאִים, אַ אִיד גֵייט נָאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דִי שְׁטוּבּ - דָאס מַאכְט אִים פַאר אַ שְׁלֶעפֶּער? אַ אִיד נֶעמְט פוּן קֻפַּת צְדָקָה - דָאס מַאכְט אִים וֵוייניגֶער חָשׁוּב? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? בִּיסְטוּ אֶפְשָׁר פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים וָואס אַלֶעס אִיז וֶועדְלִיג דָאס גֶעלְט? מִיר זֶענֶען דָאךְ פוּן דִי בַּעַל תְּפִילָה'ס לַייט וָואס מֶען קוּקְט גָארְנִישְׁט אוֹיף גֶעלְט.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִצְרָכִים, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דָאס גֵייט פַּאסִירְן בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אָדֶער אֵייניקְלֶעךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קנא:) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "כִּי אָתֵי עַנְיָא", וֶוען אַן אָרֶעמַאן קְלַאפְּט אִין טִיר, "אַקְדִימִי לֵיהּ רִיפְתָּא", זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, "כִּי הֵיכִי דִלְקַדְמוּ לִבְנֵיךְ", אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן בֶּעטְן צְדָקָה, הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: "מֵילָט קָא לַייטָת לְהוּ", דוּ שֶׁעלְטְסְט מִיר, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אַזוֹינְס? אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֵייעֶן קְלַאפְּן בַּיי דִי טִירְן פַאר צְדָקָה?! הָאט רֶבִּי חִיָּיא אִיר גֶעזָאגְט: "קְרָא קָא כְּתִיב", נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאס (דְּבָרִים טו, י): "כִּי בִּ'גְלַל' הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה'

אֱלֹקֶיךָ..." זָאגְן דִי חֲכָמִים, "גַּלְגַּל הוּא שֶׁחוֹזֵר בָּעוֹלָם", דִי וֶועלְט דְרֵייְדט זִיךְ ווי אַ רֶעדְל, אָרֶעמְקֵייט קוּמְט צוּרִיק צוּם מֶענְטְשׁ, "אִם הוּא לֹא בָּא", אוּן אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט צוּם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט יָא גֶעלְט, "בֹּא בְּנוֹ", קוּמְט דָאס אָרֶעמְקֵייט צוּם קִינְד, "וְאִם בְּנוֹ לֹא בָּא, בֶּן בְּנוֹ בָּא", אוּן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אָרֶעם - וֶועט עֶס אָנְקוּמֶען צוּם אֵיינִיקְל, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין קֵיין אָרֶעמֶעלַייט.

בַּיי אַ שִׁידוּךְ קוּקְט מֶען אוֹיף דְרֵיי זַאכְן. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פְּרֶעגְט מֶען זִיךְ נָאךְ אוֹיבּ דִי מֵיידְל אִיז גֶעזוּנְט, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט "בְּרֵאשִׁית בָּרָא", בְּרֵאשִׁית - דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, בָּרָא - גֶעזוּנְט, גֶעזוּנְט אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע, דָאס דַארְף מֶען גוּט מְבַרֵר זַיין, אוֹיבּ מֶען בַּאהַאלְט נִישְׁט עֶפֶּעס, אוֹיבּ אִיז דָאס גֶעזוּנְט מִיט דִי נֶערְוֶוען. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ - אוֹיבּ זִי אִיז עֶרְלִיךְ, אוֹיבּ זִי הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, זִי וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג. דָאס קֶען מֶען גְרִינְג מְבַרֵר זַיין, מֶען קוּקְט וֶוער זֶענֶען אִירֶע חַבֶרְטֶ'עס, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז מֶען וִויל דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ - קוּקְט מֶען וֶוער זֶענֶען דִי חֲבֵרִים; דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען זִיךְ אַסַאךְ מָאל גוּט פַארְשְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען זֶעט דִי חֲבֵרִים זֶעט מֶען אַלֶעס. דְרִיטְנְס, אוֹיבּ זִי הָאט גוּטֶע מִידוֹת; דִי דְרֵיי זַאכְן קוּקְט מֶען בַּיי אַ שִׁידוּךְ.

אוֹיבּ אִיז דִי מֵיידְל גֶעזוּנְט, עֶרְלִיךְ אוּן הָאט גוּטֶע מִידוֹת - מַאכְט מֶען אַ צַייט אוּן אַ פְּלַאץ וואו דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל טְרֶעפְן זִיךְ אוּן רֶעדְן פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט, מֶען פְרֶעגְט דֶעם בָּחוּר אוֹיבּ זִי הָאט חֵן, אוּן מֶען פְּרֶעגְט דִי מֵיידְל אוֹיבּ עֶר הָאט חֵן אוּן מֶען עֶנְדִיגְט דִי שִׁידוּךְ, דָאס אִיז אוֹיף וָואס מֶען קוּקְט אוּן מֶען זוּכְט.

וֶוער אִיז דֶער טַאטֶע? וָואס טוּט דִי מַאמֶע? ווי אַלְט אִיז דִי זֵיידֶע אוּן ווי קְלוּג אִיז דִי בַּאבֶּע? דִי פֶעטֶערְס זֶענֶען רַייכֶע? דִי מוּמֶעס זֶענֶען בַּאלֶעבַּאסְטֶעס? וֶוער זֶענֶען דִי מְחוּתָּנִים? זֵיי הָאבְן יָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ'? - דָאס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג.

דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען אַ בִּילד פוּן דִי מֵיידְל, זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר פָּשׁוּט; אוֹיף דֶעם דֶערְצֵיילְן שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (נְדָרִים סו.), אַ בָּחוּר הָאט

אַמָאל גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט נִישְׁט טוּן אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גֶעזָאגְט מֶען זָאל אָנְטוּן דִי מֵיידְל מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּן אִיר שֵׁיין מַאכְן, מֶען הָאט גֶעמַאכְט נָאךְ אַ בֶּעשׂוֹי אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט: "דִי מֵיידְל ווִיל אִיךְ יָא", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס קֶען מֶען טוּן אַז עֶס אִיז דָא אָרֶעמֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן שֵׁיין אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים..."

אִיךְ ווִיל דִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, אָבֶער קוּק בַּיי דִיר; דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן דִיר, אִיךְ פְּרוּבִיר דִיר אָנְצוּטְרָאגְן שִׁידוּכִים; וֶועט אֵיינֶער קוּמֶען זָאגְן עֶר ווִיל דִיר נִישְׁט נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם וַוייל עֶר הֶערְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן קֶריגְן זִיךְ וְכוּ׳? אֵיי, וָואס בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג? אֵיי, וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? וָואס קֶענְסְטוּ טוּן אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן? זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען לֶעבְּן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם אַ חַיִּים טוֹבִים; דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַזוֹי טְרַאכְטְן מֶענְטְשְׁן, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אַרוּם אוּן אַרוּם; אָבֶער מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז שׁוֹין גֶעעֶפְנְט דֶעם קָאפּ - דַארְפְן אַנְדֶערְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶען ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר צוּ זַיין אַלֵיין, אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶער נִישְׁט זַיין קַיין פְּלַג גוּף, אוּן זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּךְ נָאר אוֹיב עֶס אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם אִין גֶעזוּנְט אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ טְרֶעפְסְט דַיין שִׁידוּךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶועְן אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זֵיי מַמְשִׁיךְ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

הֶער נִישְׁט אוֹיס דֶעם צֶעדְרֵייטְן שָׁכֵן וָואס רֶעדְט צוּ דִיר, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער נַאר אוּן אַ טִיפֵּשׁ, וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אִים. אִיךְ זָאג דִיר דוּ

װעסְט שֵׁיין חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ װעסְט יָא הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ װעסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דַאװֶענְען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אוּן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זָאג פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אוֹיף דִיר אִיז אַרִיבֶּער, נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְצֵייל עֶס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, מֶען זָאל דִיר נִישְׁט אַװעק שְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן.

וִוי אַזוֹי װעסְטוּ אוֹיסְקוּקְן אַז דוּ לָאזְט אָפּ דֶעם רֶבִּי'ן? אַזוֹי וִוי דֶער שָׁכֵן וָואס צֶעבְּרֶעכְט בָּחוּרִים, אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיס.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - װעסְטוּ שֵׁיין חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ װעסְט הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי װעלְט.

...

## עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דוּ װאוֹינְסְט דָאךְ אִין שְׁטֶעטְל, דָארְט אִיז דָאךְ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן צְוִוישְׁן זֵיי. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין פְרוּם צְוִוישְׁן זֵיי"; זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ יֶעדְן טָאג בִּקְבִיעוּת אַ צַייט צוּ רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן אוּן קְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר װייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, פוּן אַזַא עֵצָה 'הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה'. הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל, קוּק אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, רַחֵם עָלַי, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; מָה אוֹמֵר לְךָ יְדִידִי הַיָּקָר, כְּשֶׁזּוֹכִין לְהִתְבּוֹדֵד, מַרְגִּישִׁין טַעַם גַּן עֵדֶן, מַרְגִּישִׁים אֶת נוֹעַם זִיו חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ

שְׁמוֹ, מַרְגִּישִׁין וְרוֹאִים שֶׁהַכֹּל לַכֹּל עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, מֶען דארְף קֵיינֶעם נִישְׁט, מֶען בַּאקוּמְט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ וָואס מֶען רֶעדְט אִין שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל, מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן? אִיךְ הָאף דָאס זֶענֶען עֶנְקֶערֶע דִיבּוּרִים.

...

## דִי פְּרוֹיעֶן נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אוֹיסְצוּלוּפְּטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב, וִוי צוּפְרִידְן אִיר זֶענְט פוּן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; אִיךְ הָאף אִיר זָאגְט פַּאר דִי טִיטְשֶׁערְס וִוי צוּפְרִידְן אִיר זֶענְט, אוּן פַּאר דִי וַוייבֶּער פוּן דִי מְלַמְדִים; זֵיי אַרְבֶּעטְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אַזוֹיפִיל כֹּחַ אוּן הַארְץ גֵייט אַרַיין אִין יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אַז אִיר מַאכְט פוּן צַייט צוּ צַייט אַ לָאנְטְשׁ, אִיר נֶעמְט צַאם פְּרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל, מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן, בְּעִיקָר דִי פְּרוֹיעֶן וָואס זִיצְן אִין שְׁטוּב אַ גַאנְצֶע וָואךְ; אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן פְּרוֹיעֶן וִוי שְׁטַארְק זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ'.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אַייךְ גֶעלֶערְנְט.

בְּנוֹגֵעַ עֶפֶּעס אַ גְמַ"ח פוּן קַאר סִיטְ"ס, קְרִיבְּ"ס; אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע דִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ דִינְגֶען אַ צְוֵוייטֶע דִירָה, מֶען קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ דִירָה סְרוּחָה; אַז עֶס גֵייט אַ גֶערוּךְ - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין דִירָה, וּבְנוֹסָף, אַז דֶער לֶענְדְלָארְד קוּמְט אוּן שְׁטֶערְט - אִיז נִישְׁט וֶוערְד דָארְט צוּ וואוֹינֶען.

דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ צִיעֶן אִין שְׁטֶעטְל; דָאס הָאט מִיט עֶנְק, אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶער אִיךְ נִישְׁט. זַייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר וַוייזְן דַיין פְּלַאץ וואוּ דוּ זָאלְסְט וואוֹינֶען.

זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ; אִין דִי חֲדָשִׁים וְכוּ׳, דַארְף מֶען זַיין מֶער פָּארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ אוֹיסְמוּטְשֶׁען דִי וַוייבּ וד״ל.

...

## דַארְפְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וְויפִיל דַארְפְסְטוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ; אַן עֶרְלִיכֶע, אַ וואוֹילֶע, אַ צְדֶקֶת; זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר.

לֶעצְטְנְס וֶוערְט מֶער אוּן מֶער אַיינְגֶערִיסְן בַּיים הֵיימִישְׁן עֶרְלִיכְן עוֹלָם אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר, עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן צוּקוּקֶענְדִיג ווִי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג, פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה. אַז דַיין וַוייבּ שֶׁערְט זִיךְ - דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אוּן בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי דִי עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע וֶועג.

אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, רֶעד שֵׁיין אוּן וֵוייךְ צוּ דַיין וַוייבּ; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין - וֶועסְטוּ זַיין אַ

גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

...

## דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר צֵייטוּנְג אִיז זֵייעֶר שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער צֵייטוּנְג אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה אוּן חִיזוּק, עֶס וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער אוּן רֵייכֶער וָואךְ נָאךְ וָואךְ. אִיךְ הָאף אַז דוּ טוּסְט דָאס מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָּצָה, מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן דָאס זֵייעֶר, מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן קָאלִירְפוּל, אוֹיג פַּארְכַאפְּנְד וְכַדוֹמֶה.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ טוֹישְׁן דֶעם עֶרְשְׁטְן בְּלַאט; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, עֶס דַארְף זַיין שֶׁענֶער. יֶעצְט בַּיים אָנְהֵייבּ קֶען מֶען נָאךְ טוֹישְׁן, אֵיין מָאל עֶס וֶוערְט אַ גֶעוואוֹינְהֵייט, דֶעמָאלְט לָאזְט מֶען שׁוֹין וִוי אַזוֹי עֶס אִיז.

אוֹיךְ קֶענְסְטוּ מַאכְן אַ קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג; קֶענְסְט נֶעמֶען פוּן הָאבְרֵךְ ... דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער. עֶר הָאט שׁוֹין מַעֲשִׂיוֹת פַאר אַ יָאר, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעמַאכְט פוּן פְרִישׁ, אַלֶע בִּילְדֶער קָאלִירְט; קֶענְסְט דָאס נוּצְן פַאר דִי קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי וֶועלְט.

...

## גֶעבּ נִישְׁט דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, מֶען וֶועט שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְוָואס בֶּעטְסְטוּ נִישְׁט גֶעלְט? פוּן וואוּ זָאל אִיךְ וִויסְן אַז דוּ לֵייגְסְט אוֹיס טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, דַיין אֵייגְנְס, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט אִין

שְׁטוּב?

קוֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס בּוֹיעֶן דִי מִקְוֶה, אִיךְ לָאז דִיר נִישְׁט וַוייטֶער בּוֹיעֶן בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן; דוּ הָאסְט גֶעשַׁאפְן אַ נַדְבָן פַּאר דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, וֶועט מֶען דַארְפְן שַׁאפְן אַ נַדְבָן פַּאר דִי נָאךְ דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ לֵייגְן דַיין לֶעצְטֶע פְּרוּטוֹת אוּן נִישְׁט קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט?

דִי מִקְוֶה טָהֳרָה בַּיי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר - בַּאצָאל אִיךְ, אָבֶער אִיךְ קֶען נָאר בַּאצָאלְן אַז דוּ זָאגְסְט מִיר וֶוען דוּ דַארְפְסְט. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי הֶעלְפְן מִיר בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד - וֶועל אִיךְ גֵיין מִיט זֵיי אוֹיף אַ שַׁבָּת, אוּן מִיט דִי גֶעלְט וֶועל אִיךְ עֶנְדִיגְן דִי מִקְוֶה.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי חוֹבוֹת אוּן קֶענֶען נָאךְ אַסַאךְ טוּן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

דַאוֶועֶנֶען מִיט חַיוּת אוּן שִׂמְחָה, נִישְׁט קַאלְט אוּן טְרוּקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין, גֵיי אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִיל גוּטְס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דַיין אַרְבֶּעט, הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, אָבֶער אַזַא סֵפֶר וִוי אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וָואס מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת; שְׁאֵלוֹת פוּן צָרוֹת, שְׁאֵלוֹת פוּן יְסוּרִים, שְׁאֵלוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, שְׁאֵלוֹת וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פְרֶעגְן אַ צְווייטֶער רָב - דָאס אִיז נִישְׁטָא; אַ סֵפֶר וָואס זָאל מְחַזֵּק זַיין מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן -

איז נָאר אֲשֶׁר בְּנַחַל, און דָאס זֶעלְבֶּע איז מִיט דִי סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ זֶען וֶוען עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען נָאךְ חֲלָקִים גֶעהֶערִיג גֶעבִּינְדְן, און אוֹיךְ וַוארְט אִיךְ בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם אוֹיף סִפְרֵי אִישׁ אֱמוּנוֹת פון שְׁנַת תש"פ און פון שְׁנַת תשפ"א. וָואלְסְטוּ גֶעווּיסְט וִויפִיל אִידְן גֵייעֶן אָן מִיט'ן לֶעבְּן בִּזְכוּת דִי בְּרִיוּו - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי 'קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אוֹיף אַ וֶועג פַאר קִינְדֶער, אַז דִי עֶלְטֶערְן, דִי טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, און אַזוֹי אוֹיךְ דִי מְלַמֵד מִיט דִי טִיטְשֶׁער - זָאלְן דָאס קֶענֶען פַארְצֵיילְן, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס ווילְן, דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען, נִישְׁט ווִי קַאלְטֶע מֶענְטְשְׁן, טְרוּקֶענֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ שִׂמְחָה.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

אַיינְגֶענוּמֶען בְּרֶסְלֶב

"טַאטִי, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ לַאכֶעדִיגֶע זַאךְ אִין שׁוּל, אֵיינֶער פַּאטְשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, הַא הַא עֶס אִיז אַזוֹי פָּאנִי!

אַלֶע קִינְדֶער לַאכְן; טַאקֶע, טַאקֶע, עֶר פַּאטְשְׁט; עֶס אִיז זֵייעֶר לַאכֶעדִיג.

דֶער טַאטֶע וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט און זָאגְט: "טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אָבֶער פַאר אִיךְ דֶערְצֵייל דִי מַעֲשֶׂה וויל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן אַ פְרַאגֶע, וֶוער וֵייסְט וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין בְּרֶסְלֶב? "אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט דוּרְךְ? ... "

קֵיינֶער וֵייסְט נִישְׁט?

קִינְדֶער טֵייעֶרֶע, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן עח) וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פון דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון פַּאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים

טִיר פוּן שׁוּל אוּן גֶעזָאגְט: "רַבּוֹתַי, פַארְוָואס הֶערְט מֶען נִישְׁט פַּאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען? פַארְוָואס דַאוֶוענְט מֶען אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן? אִיךְ וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דָאס אַמָאלִיגֶע אִידְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן דַאוֶוענֶען מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט".

דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט: "דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה, צְוֵויי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, יֶענֶער הָאט גֶעפַּאטְשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דִי צְוֵויי אִידְן הָאבְּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט; דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: 'אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פַּאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען! וֶוען מֶען פַּאטְשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען וֶוערְט אַ רֵיינֶע לוּפְט, מֶען בְּרֶענְגְט צוּ זִיךְ לוּפְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת גֵייעֶן אַוֶועק', דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶע'מוּסָר'ט זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם".

קִינְדֶער, אִיר גֵייט נָאךְ שְׁפֶּעטְן וֶוען אִיר זֶעט אֵיינֶעם דַאוֶוענֶען מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אוּן מִיט פַּאטְשְׁן? "נֵיין, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט שְׁפֶּעטְן, מִיר גֵייעֶן אוֹיךְ פַּאטְשְׁן!" אָבֶער אִיר זָאלְט וִויסְן קִינְדֶער, מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַּאטְשְׁן אַז יֶענֶער זָאל הֶערְן, מֶען קֶען פַּאטְשְׁן פַאר זִיךְ, דַאוֶוענֶען מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן"; אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ מְבַטֵּל גֶעוֶוען פַאר'ן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי מֶען פָאלְגְט אַ קֶענִיג, דָאס אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַמָאלִיגֶע אִידְן פְלֶעגְן דַאוֶוענֶען, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם גֵיין אַ טֶענְצְל, קִינְדֶער קוּמְט טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן: "שַׁבָּת טֵי רִי רִי רֵיי רֵיי רֵיי רֵיי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין צִיל זָאל זַיין אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיֵרָא, ט״ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דַיין לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן; דַיין אַרְבֶּעט, פְּלָאג אוּן מִי - אִיז אִין זַאכְן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן; יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער - בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה, יֶעדֶע וָוארְט יִרְאַת שָׁמַיִם, יֶעדֶע שְׁמֵייכְל - בְּלַייבְּט.

דֶער עִיקָר שֶׁבְּעִיקָרִים זָאלְסְטוּ צִילְן אוֹיף אֵיין נְקוּדָה, דַיין צִיל זָאל זַיין אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה. מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן אַלֶעמֶען, מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן גוּטֶע מִידוֹת, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה! דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן נָאר אַז מִיר זָאלְן וויסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן.

רֶעד אוֹיךְ פוּן צַייט צוּ צַייט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה. וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט; אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן דִיר וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ וֶוען מֶען בָּאדְט זִיךְ, וֶוען מֶען נֶעמְט אַ שׁוֹיעֶר, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס - זָאלְסְטוּ זֵיי קְלָאר עֶנְטְפֶערְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מֶער מָאדֶערְנֶע; זֵיי גֵייט נִישְׁט אָן פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט, זֵיי ווילְן אֵיין זַאךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען צוּפְרִידְן, פְרֵיילִיךְ אוּן לֶעבֶּעדִיג.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן תְּפִלָּה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה. אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד הָאט יֶעדְן טָאג מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן דִיר אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה. רֶעד צוּ זֵיי פוּן תְּפִלָּה פוּן זֵייעֶרֶע זַאכְן,

נִישְׁט פוּן הוֹיכֶע זַאכְן. בְּרֶענְג אַרַיין אִין זֵיי אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל; אַלֶעס וָואס מֶען וִויל, אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף - אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה, אִים בֶּעטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיטְהַאלְטְן שְׂמְחוֹת אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוֹיף אַייךְ אוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אַייעֶר טָאכְטֶער וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

בְּנוֹגֵעַ מִיט הַאלְטְן שְׂמְחוֹת, זִיךְ שְׁלֶעפְּן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן, יֶעדֶע נַאכְט צוּ אַ צְוֵוייטֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת; טַעְנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מַאכְט עֶס מִיט חָכְמָה, מֶען הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען נֶעמְט אָן דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג אוּן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה טוּט מֶען וָואס אִיז בַּאקְוֶועם אוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, מִיט אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער טַעְנָה'ן הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זִין; בִּפְרַט מִיט מִשְׁפָּחָה, מִיט עֶלְטֶערְן - טַעְנָה'ט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי נִסָּיוֹן פוּן דִי תַּלְמִידִים אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער וִוי דֶעם צַדִּיקְ'ס נִסָּיוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת ה'תשפ"ב לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְק, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן נָאכְאַנַאנְד גוּטֶע גְרוּסְן פוּן עֶנְקֶער חֲבוּרָה אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ.

מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן, זֵיי פַאלְן אַרַיין אַ תְּפִלָּה אִין שׁוּל; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, אַזוֹי וַוארֶעם, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ. אֵיינֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי קְהִילָּה פוּן אַמֶערִיקֶע זֶענֶען גֶעוֶועזְן בַּיי עֶנְק יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן וִוי שֵׁיין עֶס אִיז דָארְט. דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן אַזוֹי, דָארְט אִיז אִין אַ גֶעוִויסֶע זִין מֶער וַוארֶעם וִוי אִין יְשִׁיבָה; עֶס הֶערְשְׁט מַמָּשׁ אַ לִיבְּשַׁאפְט, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, קֵיינֶער גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אַלֶע ווִילְן אֵיין זַאךְ, נָאר הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי אַזוֹי מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דָאס אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מִיטְטֵיילְן אַ שֵׁיינֶע חִיזּוּק וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, מֶען זֶעט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי עֲקֵדָה, דִי גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְּרוּאוְוט אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין זוּן יִצְחָק, זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶער זוּן וָואס עֶר הָאט גֶעוַוארְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אִים, בִּיז דִי הוּנְדֶערְט יָאר - אוּן אִים שֶׁחְטְ'ן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם שְׁאֵלוֹת, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, לְמַעֲשֶׂה גֶעפוּנֶען מִיר אַז מֶען רוּפְט אָן דִי נִסָּיוֹן אוֹיף יִצְחָק אָבִינוּ 'עֲקֵדַת יִצְחָק' - נִישְׁט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס נָאמֶען; זָאגְט מוֹהֲרַ"אשׁ, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט טַאקֶע גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן צוּ נֶעמֶען זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד אוּן אִים מַקְרִיב זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ אִיז יִצְחָקְ'ס נִסָּיוֹן שְׁטֶערְקֶער, ווַייל יִצְחָק הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, יִצְחָק הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטֶע אַבְרָהָם אָבִינוּ וִוי עֶר זָאגְט אִים: "קוּם זִיךְ שֶׁחְטְ'ן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן" - דָאס אִיז דֶער עִיקָּר נִסָּיוֹן.

מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, דָאס פַּאסִירְט שְׁטֶענְדִיג אִין יֶעדְן דוֹר. דֶער צַדִּיק אֱמֶת וָואס אִיז דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קַיין אֵיין רֶגַע, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פַארְגִיסְט זַיין בְּלוּט, מֶען אִיז אִים מְבַזֶּה - דָאס אִיז נִישְׁט אַזַא נִסָּיוֹן וִוי דִי נִסָּיוֹן וָואס דִי תַּלְמִידִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, ווַייל דֶער צַדִּיק אִיז אַ בְּחִינָה אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס הֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, ווִידֶער דִי תַּלְמִידִים - זֵיי הֶערְן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי וָואס דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אִיז אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ טוּן דִי

ווילְן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי׳ן, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִימוּדִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְקַבֵּל פוּן זֵייעֶר רֶבִּי׳ן, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעמֶען; אֲפִילוּ מֶען שְׁפֶּעט פוּן זֵיי, מֶען פַארְגִיסְט זֵייעֶר בְּלוּט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - לָאזְן זֵיי נִישְׁט אָפּ זֵייעֶר רֶבִּי׳ן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ, זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר נָאמֶען; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, מְסִירַת הַשֵּׁם אִיז מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט אַוֶועק זַיין נָאמֶען, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָּבָר אָסוּר - אִיז דָאס אוֹיךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ, דָאס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה.

שְׁטַארְק אַייךְ, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָצָה; זַייט שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל מִיר הַאקְן מִיט אַ דְרָאנְג - לָאז אִיךְ נִישְׁט אָפּ דֶעם רֶבִּי׳ן", אוּן זֶעט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס מֶער; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, טַעְנָה׳ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!**

...

**נָאךְ דַיין בִּיטֶערֶע דוּרְכְגַאנְג, דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**בָּרוּךְ דַיַּין הָאֱמֶת, הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם.**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נב) דָאס וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַּרְכֵי הַמָּקוֹם - דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְטְן מִיר אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען - וָואלְט גֶעוֶוען כִּבְיָכוֹל דִי שֵׂכֶל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל; מִיר

פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַּרְכֵי הַמָּקוֹם, מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה, אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט בַּיי מוֹהֲרָא"ש וָוען מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים אִין לֶעבְּן, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ פַּאפִּיר אוֹיפְ'ן טִישׁ אִין גְרוֹיסֶע וֶוערְטֶער דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא"; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאלְטְן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן אוּן דָאס גֶע'חַזֶר'ט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט, אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאגְלֵייבְּט, נִישְׁטָא קַיין גְרַייזְן".

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַהֶער שְׁטֶעלְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין אַ טַאטֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַ שְׁטַארְקֶער מַאן פַאר דַיין וַוייבּ; בַּאלְד מַאכְסְטוּ חֲתוּנָה, דַארְפְסְטוּ טוֹישְׁן דִי שְׁטוּמֶע אִין שְׁטוּבּ. אַז דוּ ווילְסְט וֵויינֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן; אַז עֶס וֶוערְט דִיר שְׁוֶוער, דוּ דֶערְמַאנְסְט זִיךְ פוּן דַיין טֵייעֶרֶע יוּנְגֶע נְשָׁמָה'לֶע וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג, אַזוֹי רֵיין - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין דִי זַייט וֵויינֶען; אִין גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען דַיין וַוייבּ וֵויינְט זָאלְסְטוּ אִיר שְׁטַארְקְן אוּן זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּנְזֶער קִינְד, אוּנְזֶער קִינְד אִיז אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן, מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁפֶּעטֶער טְרֶעפְן מִיט אִים"; בַּיי אִידְן אִיז נִישְׁטָא פַארְלוֹירְן, בַּיי אִידְן אִיז דָא דִי וֶועלְט אוּן נָאךְ אַ וֶועלְט, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען גֵייט צוּם צְוֵוייטְן וֶועלְט, אֵיינֶער גֵייט פְרִיעֶר אוּן אֵיינֶער גֵייט שְׁפֶּעטֶער; דַיין זוּן אִיז אִין גַן עֵדֶן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא נוּסָּח א, אוֹת א): "בְּכָל יוֹם וָיוֹם יוֹשֵׁב מַטַ"ט שָׁלֹשׁ שָׁעוֹת בִּשְׁמֵי מָרוֹם", יֶעדְן טָאג זִיצְט דֶער גְרוֹיסֶער מַלְאָךְ מט"ט אִין הִימְל, "וְכוֹנֵס אֶת כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁל עֻבָּרִין שֶׁמֵּתוּ בִּמְעֵי אִמָּן",

עֶר נֶעמְט צוּזַאמֶען אַלֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי מַאמֶע נָאךְ פַּאר׳ן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, "וְשֶׁל יוֹנְקֵי שָׁדַיִם שֶׁמֵּתוּ עַל שְׁדֵי אִמָּן", אוּן עֶר נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי זֵייגֶעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן קְלֵיינֶערְהֵייט, "וְשֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁמֵּתוּ עַל חוּמְשֵׁי תוֹרָה", אוּן עֶר נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס הֵייבְּן אָן גֵיין אִין חֵדֶר, "וּמֵבִיא אוֹתָן תַּחַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד, [...] וּמְלַמְּדָן תּוֹרָה וְחָכְמָה, הַגָּדָה וּשְׁמוּעָה, וּמְסַיֵּם לָהֶן סֵפֶר תּוֹרָה", עֶר נֶעמְט זֵיי צַאם אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה, עֶר עֶנְדִיגְט מִיט זֵיי דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק אוּן שְׁטַארְק דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

**וֶוער עֶס אִיז טוֹעֵם פוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל, וֶוערְט נִישְׁט פַארְנַארְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דַיין מַאמֶע ווִיל דוּ זָאלְסְט גֵיין אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ גֵיין; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן. אֵיינְמָאל מֶען אִיז טוֹעֵם פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, מֶען הֶערְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, דֶעם רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל - קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְן פַארְנַארְט; אַדְּרַבָּה, דוּ וֶועסְט וֶוערְן מֶער שְׁטֶערְקֶער צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם רֶבִּי׳ן.

עֶס אִיז מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם, עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי קִינְדֶער וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, מִיט אַ פְּלַאם פֵייעֶר, שִׁיקְט מֶען דָאס קִינְד צוּ דֶעם אוּן צוּ יֶענֶעם, דֶער זָאל רֶעדְן, יֶענֶער זָאל אָפְּרֶעדְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט חָכְמָה; וָואס גֶעשֶׁעט? דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּרִיק נָאךְ שְׁטֶערְקֶער, וַוייל נָאכְן הֶערְן דֶעם רֶבִּי׳ן - קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע דְרָשׁוֹת וָואס בַּיי דִי גַאס הֵייסְט דָאס חָכְמוֹת.

גֵיי צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אוּן מְמָה נַפְשָׁךְ; וֶועסְטוּ הֶערְן שֵׁיינֶע זַאכְן - אִיז דָאךְ גוּט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א) "אֵיזֶהוּ חָכָם, הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם,

שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, צט): "מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי", אִיךְ לֶערְן זִיךְ שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אַלֶעמֶען; אוּן אַז נִישְׁט - אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, וֶועסְטוּ זֶען וִוי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן מֶענְטְשְׁן, דִי רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן - וֶועסְטוּ וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אִין הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיר וֶועט בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם, וֶועט אִיר הָאבְּן נָאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס דֶער דָאקְטֶער דֶערְשְׁרֶעקְט, עֶר זֶעט אַ וַוייסֶע פִּינְטְל אִין הַארְץ, עֶר זָאגְט אַז עֶס קוּמְט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְד, אִיר בֶּעט אִיךְ זָאל אַייךְ צוּזָאגְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד; אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזָאגְן, אִיךְ קֶען אַייךְ נָאר זָאגְן אַזוֹיפִיל, אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיר וֶועט בֵּיידֶע אַרְבֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן - וֶועט אִיר הָאבְּן נָאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

זָאגְט יֶעדְן טָאג שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", אַז מֶען זָאגְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, מֶען זָאל אִין דִי טֶעג, אִין דִי חֳדָשִׁים - זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**די גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד; וָואס ווילְסְטוּ פוּן דֶעם בָּחוּר? גֵיי בֶּעט אִים אִיבֶּער, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים.

מוֹהֲרַא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי בְּרוֹגֶז אִין יַבְנְאֵל וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט ס.מ. - דֶער שְׁטְרָאף פוּן יַבְנְאֵל. אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף ס.מ. אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט יֶענֶעם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שׁוּל; וַוייל אוּנְזֶער זַאךְ אִיז נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דֶעם בָּחוּר, עֶנְטְפֶער אִים נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁפֶּעט פוּן דִיר, עֶר שֶׁעלְט מוֹהֲרַא"שׁ; עֶר גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער ס.מ. זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט גֶענוּג סְחוֹרָה וָואס אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן, דוּ קֶענְסְט אִים זָאגְן וָואס רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (מְגִילָּה כה:): "עַד שֶׁאַתָּה בּוֹדֵק [...] צֵא וּבְדֹק בְּתוֹעֵבֹת [...]", אֵיידֶער דוּ רֶעדְסְט זָאלְסְטוּ קוּקְן וֶוער דוּ בִּיסְט, פוּן וֶועם דוּ שְׁטַאמְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן, רֶעד נִישְׁט.

דָאס וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז עֶר שְׁטֶערְט דִיר הֲפָצָה, עֶר רֶעדְט צוּ אַלֶע בָּחוּרִים קֶעגְן מוֹהֲרַא"שׁ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, דוּ גֵיי דַיין וֶועג, דוּ לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועלְן אַלֶע בָּחוּרִים דִיר נָאךְ טוּן. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה, דִי גְרֶעסְטֶע קִידּוּשׁ שֵׁם רַבֵּינוּ, וֶוען אַ בָּחוּר אַ מְקוֹרָב זִיצְט אִין יְשִׁיבָה אוּן רֶעדְט שֵׁיין, רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, טַעֲנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; אַלֶע קוּקְן מִיט שֶׁעצוּנְג, מֶען זָאגְט: "דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד", דָאס וֶועט אַלֶעמֶען בְּרֶענְגֶען צוּ וֶועלְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף זַיין זֵיידֶע ס.מ. דֶער שְׁטְרָאף פוּן יַבְנְאֵל, אָבֶּער אִיךְ וויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זִיךְ טְשֶׁעפֶּען.

הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי וָואךְ דִי דְרַייצְנְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דָאס

אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע לֵצָנוּת וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ. הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶכֶת יְבָמוֹת אִין סֵדֶר שַׁ״ס, מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֶנְטְפֶער, צוּ זֶען וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר זִיצְט אִין יְשִׁיבָה אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## עֶפֶּעס טוּן יֶעדְן טָאג פַאר'ן צַדִיק

וֶוער הָאט הַיינְט גֶעטְרַאכְט פוּן רֶבִּי'ן? וֶוער הָאט הַיינְט עֶפֶּעס גֶעטוּן פַאר'ן רֶבִּי'ן?

אַלֶע קִינְדֶער וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וָואס דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּן רֶבִּי'ן? וָואס דַארְף מֶען טוּן פַאר'ן רֶבִּי'ן?' דִי קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין, יֶעצְט גֵייט מֶען דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן.

קִינְדֶער אִיר זֶענְט גְרֵייט?!

קִינְדֶער, קוּקְט וָואס דֶער שׁוֹחֵט פוּן טֶעפְּלִיק שְׁלֶעפְּט, עֶר שְׁלֶעפְּט אַ גְרוֹיסֶע בֶּענְקְל, אַזַא שֵׁיינֶע בֶּענְקְל! קוּק דִי שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ, דִי צְוֵויי לֵייבְּן בַּיי דִי הֶענְטְלֶעךְ, דָאס אִיז דָאךְ עֶפֶּעס הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אוֹיסְנַאם שֵׁיין; דָאס אִיז הַאנְט אַרְבֶּעט! אֵיין שְׁטִיק וואוּנְדֶער! אַלֶע בַּאוואוּנְדֶערְן דֶעם בֶּענְקְל, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָפְּזֶעטִיגְן פוּן קוּקְן אוֹיף דֶעם בֶּענְקְל, "מַאכְט פְּלַאץ!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע, עֶר וִויל

אַרַיינְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בֶּענְקְל פַאר׳ן רֶבִּי׳ן.

דֶער אִיד עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיים רֶבִּינ׳ס שְׁטוּבּ, עֶר זָאגְט: ״רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה, אַ בֶּענְקְל! אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֵיינְס גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט מִיט מַיינֶע הֶענְט!״ דֶער רֶבִּי בַּאטְרַאכְט דֶעם בֶּענְקְל אוּן פְרֶעגְט: ״זָאגְט מִיר, וִוי לַאנְג הָאט אַייךְ גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם שֵׁיינֶעם בֶּענְקְל?״ דֶער אִיד עֶנְטְפֶערְט: ״רֶבִּי, דֶער בֶּענְקְל הָאט מִיר גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן אַ הַאלְבֶּע יָאר״, ״אַ הַאלְבֶּע יָאר?״ - פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי, ״דָאס הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אֵיין צִי?״ זָאגְט דֶער אִיד: ״נֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעאַרְבֶּעט אֵיין שָׁעָה צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֶּענְקְל פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר״, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רֶבִּי: ״אַזוֹי? דוּ הָאסְט גֶעטְרַאכְט פוּן מִיר יֶעדְן טָאג אַ שָׁעָה, אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אֵיין צִי?״ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט.



אַזַא שֵׁיינֶע בֶּענְקֶל!

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט פוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט הַנָאָה גֶעהַאט? פוּן דִי שֵׁיינֶע בֶּענְקֶל אָדֶער פוּן דֶעם אַז דֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג גֶעטְרַאכְט פוּן רֶבִּי״ן פַאר אַ שָׁעָה? טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא״ש זָאגְט אוּנְז אַז דֶער רֶבִּי הָאט מֶער הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם אַז דֶער אִיד הָאט גֶעטְרַאכְט יֶעדְן טָאג פוּן רֶבִּי״ן, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס גֶעטוּן פַארְ׳ן רֶבִּי״ן – וִוי פוּנֶעם בֶּענְקֶל אַלֵיינְס... דֶער בֶּענְקֶל אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בֶּענְקֶל, אִיר אַלֶע הָאט שׁוֹין גֶעזֶען דֶעם בֶּענְקֶל, עֶס לִיגְט אִין בֵּית

הַמֶּדְרָשׁ, מֶען מַאכְט דֶערוֹיף בְּרִיתְ׳ן, מֶען נוּצְט דָאס פַאר דִי כִּסֵּא שֶׁל אֵלִיָהוּ; אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק, טְרַאכְט פוּן צַדִּיק אוּן טוּט עֶפֶּעס יֶעדְן טָאג פַארְ׳ן צַדִּיק - דָאס אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים רֶבִּי׳ן.

קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס טוּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן; דִי אִינְגְלֶעךְ וֶועלְן רֵיין מַאכְן דִי חֵדֶר, דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן רֵיין מַאכְן אִין סְקוּל, אַלֶע וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאלְטְן רֵיין דִי בָּאס, מִיר וֶועלְן הֶעלְפְן אַוֶועק פַּאקְן דִי סְפָרִים אִין שׁוּל; וַוייל אַלֶעס וָואס מֶען טוּט אִין שׁוּל, חֵדֶר אוּן סְקוּל - אִיז הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי קוּקְט פוּן גַן עֵדֶן אוּן זֶעט ווִי מִיר טוּעֶן פַאר אִים, ווִי מִיר טְרַאכְטְן פוּן אִים, ווִי מִיר זֶענֶען אִים מְשַׁמֵּשׁ; ׳מְשַׁמֵּשׁ׳ מֵיינְט ׳מִיר בַּאדִינֶען אִים׳; דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט צוּ אוּנְז, עֶר הָאט לִיבּ וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אִים.

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען: ״אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְ׳שַׁמֵּשׁ׳ אֶת רַבֵּינוּ, אַשְׁרֵינוּ! אַשְׁרֵינוּ!״

# א רעוואלוציע אין הפצת ספרי ברסלב!




ערפילט דעם רבינ'ס רצון:

איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות אויך נאר דאס
זארט איר זען תמיד צו טאן און צו טרענקען ביימער...

יבא חלקי בין מזכי הרבים

## המזכים

קרן הבנין לרכישת
בנין בית הדפוס

קרן הדפסה
"היכל הקודש"
להדפסת והפצת
ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים
בעולם

נעמט א חלק אין
די נייע מאסיווע
"בית הדפוס" פון

## קרן הדפסה
## היכל הקודש
## ברסלב